




גייסטרייכער שמועס מיט'ן מרביץ תורה **הרב ר' עמרם בינעטה** איבער זיין געניאלער און שעפערישער ראלע פון פארשפרייטן דעם לימוד דף היומי אומעטום, אין גרויס טייל דורך זיינע אייגנארטיגע שעפערישע אנאנסן און רעקלאמעס וואס אלע האבן שוין געזען. אויך הערן מיר פון זיין ברודער **הרב ר' שלמה** איבער **מוסדות דבי עילאי**, וואס זיי ביידע פירן מיט גרויס מומחיות // **שאו שיעורי"ם בראשיכם**

נפתלי שטערן


ראשו ורובו בסוכה
שולחנו בתוך הבית
רבבות אלפי ישראל מתחילין מסכת סוכה
יעמוד יעמוד יעמוד ...
חתן בראשית
רבבות אלפי ישראל מתחילין מסכת ראש השנה
סדר מועד





## בר עילאי

די צוויי ברידער ר' עמרם און ר' שלמה בינעטה שטייען אין שפיץ פונעם ברייט בארימטן מוסד 'דבי עילאי', וועלכער טראגט דעם נאמען פונעם הייליגן אריה דבי עילאי זי"ע, דער איידעם פונעם ישמח משה פון אוהעל זי"ע. פילע הייליגע און וואוילטעטיגע פעולות קומען ארויס פון אט דעם מוסד.

דער מוסד פארמאגט עטליכע פליגלען אונטער זיך, טייל אויף וועלכער ר' שלמה שטייט אין שפיץ, און טייל וועלכע ווערן געפירט דורך ר' עמרם, אבער באופן כללי ווערן רוב באשלוסן געפאסט מיט א געמיינזאמער צוזאמענארבעט.

די ארגאניזאציע פארטיילט יעדן איינציגן טאג צענדליגער פארציעס פון עסן פאר נויטבאדערפטיגע אידן, און זיי שיקן עס צו אויף א מורא'דיגן בכבוד'יגן פארנעם. בעצם וואלט דאס אפגעקאסט אזוי פיל ווי זיבעציג טויזנט דאלאר א וואך, אבער מיט דער הילף פון גוטהארציגע קעיטערינג אייגנטימער, קענען זיי אנגיין מיט פיל א קלענערן בודזשעט.

די סיבה פארוואס זיי האבן באשלאסן צו פארטיילן דאס עסן איז, וויבאלד די ביידע ברידער זענען עוסק אין חינוך, הרב ר' שלמה איז א מנהל אין א תלמוד תורה, און הרב ר' עמרם איז א מלמד, ווען דאן האבן זיי באמערקט, אז פילע פראבלעמען פון קינדער קומען בלויז וויבאלד זיי הונגערן פשוט אויף עפעס עסן.

אויך טוען זיי איידער יעדן יום טוב אויסטיילן מאסן פאָרן פון שיך. ווי הרב ר' שלמה זאגט אונז, ארבעט עס, אז ער בעט מערערע נדיבים זאלן קויפן ארום הונדערט פאָר שיך, אזוי ארום שטעלט ער צוזאם דאס געלט צו פארטיילן טויזנטער פאָר שיך.

## ענני ביום קראנו

אונטער זייער דבי עילאי שירעם-ארגאניזאציע, האבן זיי אויך א פליגל מיט'ן נאמען 'ענני'. ענני איז א מפעל וועלכער נעמט צוזאם יעדע וואך פרייטאג אזויפיל ווי עטליכע טויזנט קינדער אינעם דושינסקי בית המדרש אין בית שמש, וואו פאר א משך פון א האלבער שעה זאגט מען תהלים מיט די קינדער.

מ'רעדט פון קינדער פון יעדן סארט קרייז, פון חסידי בעלזא און גור, ביז ליטאים, און אזוי ווייטער. ביי קאראנא האבן זיי געמאכט זייער פראגראם אויפ'ן טעלעפאן, און דאן האבן מיידלעך אויך אנגעהויבן בעטן אז זיי ווילן זיין א טייל. זינט דאן האבן מיר אויך עטליכע הונדערט מיידלעך וואס האלטן מיט דעם פראגראם דורכ'ן טעלעפאן.

דער עצם מעמד פון זאגן תהלים איז נורא נוראות. די לויטערע קינדער בעטן ביים באשעפער מנהמת לבם, ס'איז עפעס וואס מ'קען פשוט נישט שילדערן. ס'איז בלי ספק בוקע רקיעים אויף אן אויסטערלישן פארנעם.

יעדע וואך נאכ'ן מסיים זיין תהלים, טיילן מיר עפעס א מתנה, ווי א נאש א.ד.ג. אבער ס'וועט געווענליך האבן א שייכות צו דער סדרה. אביישפיל ווי פרשת ויצא וועלן מיר טיילן א לייטער, און ביי דער פרשה פון די שתי הלחם האבן מיר











אמאל געטיילט עטליכע טויזנט פיצקעלע חלות וואס מיר האבן געבאקן היימיש.

מיידלעך וואס האלטן מיט דעם פראגראם, שיקן די עלטערן א צעטל אז זיי האבן מיטגעהאלטן אינדערהיים, און אזוי באקומען זיי אויך די מתנה.

"וואו איז דא דאס געלט צו פינאנצירן דעם טייל?" פרעגן מיר.

אן עושר האט עס אונז געבעטן צו גרינדן, און ער האט עס געצאלט פאר די ערשטע צוויי יאר. יעצט האלט מען שוין ביי זיבן יאר, און ב"ה מיר שאפן נדבנים. די וועלכע זענען עס מנדב, זעען למעלה מדרך הטבע'דיגע ישועות.

איך וועל אייך נאר דערציילן איין מופת, ווען איינער פון אונזערע משגיחים האט מיך געבעטן אז מ'זאל דערמאנען דעם נאמען פון זיין קינד אז ער זאל קענען וואקסן. דער סדר איז, ווען איינער איז מנדב דער פראגראם, רוף איך אויס זיין נאמען און בקשה, אזוי אז די קינדער האבן עס אינזין. איך האב טאקע אויסגערופן דעם נאמען פונעם קינד מיט דער בקשה, און מ'האט געזאגט תהלים.

ווי נאר מ'האט פארענדיגט זאגן תהלים, קומט צו מיר דער משגיח געגנצליך היסטעריש. ער דערציילט אז זיין קינד איז שוין פיר און א האלב יאר אלט, און ביז ממש לעצטנס האט ער זיך אויפגעפירט גלייך ווי אלע קינדער אין זיין עלטער, אבער לעצטנס האט ער זיך אנגעהויבן אויפפירן ווי א צוויי יעריג קינד. ער קריכט ביים גיין, ער וויינט ווי א קליין קינד, בקיצור דער מצב האט זייער



נישט געטויגט. אין איילעניש איז מען געגאנגען צום דאקטער, וועלכער האט באשטעטיגט אז דאס קינד ליידט אויף עפעס וואס מ'קען היילן, אבער מיט א רייע אפעראציעס און פראצעדורן. איך און מיין פרוי זענען געווען שטארק צעקלאפט. למעשה בשעת די תהלים זאגן איז פארגעקומען, האט מען מיך נישט אויפגעהערט רופן פון שטוב, יעצט האב איך אויפגעהויבן, און זיי זאגן מיר אז ער פירט זיך צוריק אויף געהעריג ווי זיין עלטער.

ממש נסים. יעדע וואך האלט איך מיט ישועות און נפלאות, וואס איך וואלט ווען געקענט ארויסגעבן א בוך איבער דעם.

## דברי תורה כלשון בני אדם

אצינד קומען מיר אן צו א צווייטן און אינטערעסאנטן חלק פון מוסדות דבי עילאי, נעמליך, די קינסטליכע שעפערישע אנאנסן וועלכע



ר׳ עמרם פאבריצירט. די צעטלעך זענען ברייט באקאנט, און ס'איז כמעט נישטא קיין שול איבער דער וועלט וועלכע פארמאגט דאס נישט. פאראן פילע תורה ארגאניזאציעס וועלכע וועלן נעמען אט די פלאקאטן און צולייגן זייערע אייגענע סלאגאנען אויף דעם, אבער די צעטלעך צירקולירן שלמה פירט אן מיט סיומים און העלפט שאפן גמרות פאר דער נייער מסכת פאר סיי וועלכע עס ווענדט זיך צו זייערע הויפטקווארטירן.

מיר פרעגן ר׳ עמרם ווען און ווי אזוי עס פאלן אים איין די אלע געניאלע איינפעלער און אייגנארטיגע שטיק. "איך האב אזא סארט מח," גיט טאלאנטפולן מאן. "פון יעדער זאך איז היינט דא פרסום, אויסער פון תורה," איז ער מסביר די זאך אין קורצע ווערטער. "איך האב געפילט אז עפעס פרסום מעג אויך זיין פון תורה, פון יעדער קליינער נארישקייט איז היינט פאראן פי-אר און מארקעטינג. עס זיצן גרויסע קעפ און פי-אר












אויף א מאסשטאבליכן פארנעם.

אין יעדן קרייז, אנגעהויבן פון חסידים ביז ליטאים, און אפילו אזעלכע סארט ווי דתי לאומי סארט אידן ליינען די צעטלעך און האבן הנאה דערפון.

הרב ר׳ עמרם זעלבסט איז א מגיד שיעור אין דף היומי, געבנדיג טעגליך דריי שיעורים אינעם דף, שוין באלד זיבעצן יאר צום גוטן.

ווי הרב ר׳ עמרם שילדערט, איז דאס א טייל פון מוסדות דבי עילאי, צו פארשפרייטן וואס מער דעם דף היומי. ווי דערמאנט, לערנט ער אליין פָּאר טעגליך דריי שיעורים אינעם דף. דער ברודער הרב ר׳ ער א קורצע שילדערונג אויף זיין געדאנקענגאנג. "ס'איז א קריעטיוויטעט וואס דער באשעפער האט מיר געשאנקען, און אזוי קומען אריין די אלע געדאנקען. אייגנטליך, פילע מארקעטינג פירמעס האבן מיך שוין פארבעטן צו קומען ארבעטן פאר זיי, אבער איך האב עס אפגעווארפן, וויבאלד איך טו עס בלויז פאר תורה.

דאס איז פאר מיר ווי א 'הַאבִּי', און איך זוך נישט צו מאכן קיין פרנסה דערפון. איך גלייך אויפצוקומען מיט די געדאנקען, אבער מיין עיקר ציל דא איז, אז וואס מער אידן זאלן זיך מיטכאפן מיט דער באן און אנהייבן לערנען דעם דף היומי.

אנהייב האבן מיינע ארומיגע געלאכט פון מיר. זיי האבן גע'טענה'ט אז ס'האט נישט קיין פשט ארויסצולייגן מיינע רעיונות און דמיונות פאר דער אלגעמיינער גאס. היינט לאכן זיי שוין נישט..." פירט ער אויס ציניש.

"וואס איז דא געווען אייער ציל?" ווילן מיר ארויסהאבן און פארשטיין דעם גאנג פון דעם סטראטעגיסטן וועלכע שטופן פאראויס יעדער סארט פראדוקט, איך האב ווי געפילט אז איינער מעג שוין מאכן אביסל מצב פונעם באשפער'ס תורה."

## בחכמה פותח שיעורי"ם

**■ ווען פאלט אייך איין די געדאנקען?**

איך ווערטל זיך אמאל, אז איך האב נישט וואס צו טון מיט'ן טאג... אבער דער אמת איז אז די געדאנקען בליצן אריין דא-דארט, עס איז נישט פארהאן קיין ספעציפישע צייט ווען זיי טוען אין מיר ארייננפאלן. ס'איז באמת א מתנה פון הימל.

**■ וועלכער טייל דערפון קומט אן שווער?**

דער שווערסטער חלק איז, אז ס'זאל רעדן סיי פאר ליטווישע, חסיד'ישע און מזרחים צוגלייך.




איך פרוביר אז אפילו אראבער זאלן עס ווען קענען פארשטיין. דאס איז דער שווערסטער טייל, אמאל זענען דא גוטע ליניעס וואס זענען נאר פארשטענדליך פאר אזעלכע וואס קענען גוט לשון הקודש. עס זענען פאראן אסאך שווערקייטן.

פארלירן די איכות דערפון.

**■ איר זעלבסט מאכט אויך די גראפיקס דערפון, אדער בלויז דער גדאנק איז אייער'ס?**

איך מאך נישט די גראפיקס. דאס מאכט א צווייטער, ער הייסט ר' חיים סלאוויק. אבער איך

**■ איז פאראן אמאל ווען איר דארפט זיך ברעכן קאפ אויפצוקומען מיט עפעס?**

אוודאי, דאס יאר ביי מסכת יבמות האב איך זיך שטארק געמוטשעט אפירצוקומען מיט א גוטס, למעשה בין איך אויפגעקומען מיט א שארפן מעסעדזש וואס האט אינספירירט פילע.










איך האב אמאל געמאכט א בילד פון אלע סארטן קאפלעך און הוטן וואס אידן פון אלע שטרעמונגען גייען אנגעטון אויפ'ן קאפ, א שטייגער ווי ווייסע קאפלעך, ספאדיקס, שטריימלעך, קאלפיקס, קאשקעטלעך און קוטשמעס, שרייבנדיג אז דער דף איז פאר אלעמען. דאן בין איך אויסגעשטאנען קריטיק פון פילע מזרחים, אז זייער געשטריקטער קאפל האב איך נישט אריינגעלייגט אויפ'ן בילד.

**■ ביים מאכן צעטלעך וועלכע צירקולירן לענגאויס דאס גאנצע יהדות החרדית, זענען געווען פאראן הייקעלע איינצלהייטן אויף וואס מ'דארף אכטונג געבן און באהאנדלען סענסעטיוו.**

יא, אוודאי, דאס איז א הויפט דגוש וואס איך לייג. איך דארף אכטונג געבן אז ס'זאל זיין איידל, זיך נישט ארומשפילן מיט דער גמרא זעלבסט, און נישט אריינמישן אלוקות, א.ד.ג. אזוי אז ס'זאל שטימען פאר אלע קרייזן, און פארט נישט

זיך מיט אים און איך זאג אים גענוי וואס צו לייגן וואו, און יעדער צעטל אויסשטעלט אזוי ווי איך האב די וויזיע אין מיין קאפ.

**■ ווער צאלט די אלע רעקלאמעס?**

מיין ברודער ר' שלמה שאפט נדבנים דערפאר, אבער באלד אנהייב האב איך טאקע נישט געהאט קיין נדבנים, פלעג איך עס צאלן פון מיין אייגענער קעשענע. ס'האט מיר געברענט דאס פארשפרייטן דעם דף.

**■ איר זעלבסט טוט עס פארשפרייטן אין די בתי מדרשים?**

ניין, איך שיק עס ארום אויף אימעיל אויך קען מען עס באקומען פון אונזער אפיס. איך לאז אלע מוסדות און קהלות צולייגן זייער אייגענער לאגא, אבער נישט אראפנעמען מיין סימבאל פון מוסדות דבי עילאי. היינט ווערט עס בליץ-שנעל פארשפרייט דורך אימעיל און אנדערע מהלכים.

איך האב ארויסגעברענגט אז מסכת יבמות איז טאקע שווער, אבער נאך שווערער איז צו ענדיגן גאנץ ש"ס אן מסכת יבמות! דאס האט גערעדט דירעקט צו פילצאליגע אידן, און גאר אסאך האבן זיך אנגעהאלטן צום דף בלויז אין דעם זכות.

**■ וויפיל צעטלעך מאכט מען פאר יעדער מסכת?**

איך מאך זעקס צעטלעך אויף יעדער מסכת, און מיט יעדן צעטל ציל איך אנדערע סארטן מענטשן. צו יעדן מח רעדט א צווייטער סארט געדאנקענגאנג, דעריבער פרוביר איך צו 'קאנעקטן' מיט יעדן סארט מענטש. איידער איך געב ארויס מיינע צעטלעך, וועל איך עס געבן צו זען פאר צען פון מיינע נאנטע מענטשן, און איך בעט זיי אז זיי זאלן עס באצייכענען פון איינס ביז צען וועלכער איז דער שענסטער. ווי אינטערעסאנט ס'הערט זיך, האט יעדער פון זיי א צווייטער בליק און געפיל וועלכער ס'איז דער שענסטער, און די זעלבע איז ביי מענטשן אין גאס, יעדער האט זיך זיין טעם





















אינעם אנאנס.

טאקע צוליב דעם וועל איך פרובירן אויסצושטעלן מיינע צעטלעך אז ס'זאל רעדן צו יעדן סארט מח.

■ **ווען האט איר אנגעהויבן מאכן די צעטלעך?**

איך מאך דאס שוין ארום אכט יאר. איך האב אנגעהויבן דעם ערגעצוואו אינמיטן פריערדיגן מחזור פון דף היומי, און זינט דאן ערשיינט מען צום אנהייב פון יעדער מסכת.

■ **איז פארהאן מענטשן וועלכע שיקן אריין געדאנקען?**

יא, עס זענען פארהאן געוויסע וואס שיקן אריין געדאנקען, אבער מיינסטנס פון זיי זענען נישט צו דער זאך. עס זענען אפילו פארהאן גוטע מארקעטינג קעפ וועלכע געבן מיר געדאנקען, אבער ס'פאסט נישט אלץ אריין ווען מ'רעדט פון תורה. א מארקעטער קען גוט פאראויסשטעלן דעם רעסטוראנט אדער פראדוקט, אבער ווען ס'קומט צו גמרא, דארף מען באמת ליגן דריין. מ'דארף האבן א תורה-קאפ.

איין זאך וואס איך האב יא געוונען פון איינעם, דאכט זיך אז איך האב עס אפילו אפגעקויפט פון אים, דאס איז געווען איידער מסכת נזיר, ווען איך האב געניצט דעם לשון הגמרא, "הריני נזיר שעה אחת!" אן אנאנס וואס האט שטארק אפגעקלונגען.

יעצט אויף מסכת כתובות האב איך געמאכט אזא מליצה אז לכל כתובה (אן אדרעס אין לשון הקודש) יש כתובות.

■ **צו וועלכער קרייז געהערט איר?**

איך דריי זיך אין וויזניץ בית שמש, און איך פארווף זיך א חסיד פון וויזניץ מאנסי. איך האב קיינמאל נישט געזען דעם פריערדיגן רבי'ן דער תורת מרדכי זי"ע, וויבאלד איך פאָר נישט ארויס פון ארץ ישראל. איך האב אייגנטליך אמאל געשיקט פרעגן דעם רבי'ן צי איך מעג ארויספארן פון לאנד, אויף וואס ער האט נישט געוואלט ענטפערן.